raków
Biblotek
agielonkiej
Anny 12

הי „Radomer-Kielcer Leben“ 15 (765) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XVI-ער יאהרגאנג פרייז 20 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 14 kwietnia 1939
ראדאם, פרייטאג כ״ה ניסן תרצ״ט
טעלעפאן פון רעדאקציע 18 - 15

**אבטיילונג** פאר **קעלץ**

**אבטיילונג פאר אסטראוויעץ אפאטאוו, וויערשזבניק** און סביבה

---

**ווילט איהר זיך בעפרייען פון דער פל**

טאַ נוצט נאָר דאָס ווירקזאַמסטע **פליגען = [illegible]**

פון די בערימטע פירמע **„בענגאל“ אין לובלין**

וועלכע איז בעשאַנקען געוואָרען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל אויף דער פאַריזער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פאַר איהר בעסטער קוואַליטעט און גוטער אויסאַרבייטונג.

פערטרעטער אויף דער קעלצער וואָיעוואודסטווא זענען:

**יצחק ניימאן** און **נחום פרידמאן**

אין ראדאָם.

---

צו די תנאים פון אונזער פריינדין

**פערל שמעדרא**

מיט ה׳ **יעקב פיטקיעוויטש**

ווינשען מיר זיי אַ שטראַהלענדע צוקונפט און אַ אייביגע צופרידענהייט

**מאַלקוסמאַן אדעלא**
**גערטנער מרדכי.**

---

צו די תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין

**פערל שמעדרא** מיט ה׳ **יעקב פיטקעוויטש** (וואַרשא)

ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט

**משה סאַמעלסאהן** און **פרוי.**

---

## דאנקזאגונג.

מיר שיקען איבער אויף דעם וועג דעם הערצליכסטען דאנק

די **ראַדאָמער לאַנדסלייט** אין **באַלטימאָרע**

פאַר די **380** זלאָטעס, וואָס זיי האָבען געשיקט פאַר אונזער אינסטיטוציע.

דאָס געלד איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט און אונז אַרויסגעהאָלפען פון אַ שווערען קריזיס.

מיר בעטען אייך שטענדיק אין אונזער אינסטיטוציע צו געדענקען.

**די פערוואלטונג** פון **חינוך = ילדים**

אין ראדאָם.

---

**SZKOŁA**
**Kierowców Samochodowych**

**Sławomira Supronowicza**

Radom, Koszarowa 13

uczy tanio i solidnie.

---

# Ideal – Jawa

**Najsmaczniejsza domieszka do kawy z „dzwonkiem“**

---

די לעצטע 2 טעג פון

# א״י = באזאר אין ראדאם

**שבת ז׳עם 15** ה. מ. **8 אווענט**

קומט פאָר א גרויסער טאנץ = אָווענד אין טעאַטער „ראָומאַיטאַשטשי“ א. ג.

**א נאכט אין תל = אָביבער פאָרט**

זונטאָג דעם 16 = טען

**שליסונג פון באזאר**

מיטן אַנטייל פון פרוי

**אסתר קאפלאן**

טענץ, פערשידענע סיורפריזען, אויסוואַל פון א מיס אויפן יאָר 1939

---

*Bazar Palestyński w Radomiu*

w Sobotę dnia 15-tego 8 wiecz.

**WIELKI BAL**

p. n. *Noc w Porcie Tel-Awiwskim*

W Niedzielę dnia 16-tego 8 wiecz.

**Uroczyste Zamknięcie Bazaru**

przy udziale p. Estery Kaplan

Tance! Różne niespodzianki!
Wybór Mis - Bazaru na rok 1939

---

**KANTOR WYMIANY**
**M. WAJSELFISZ**
**RADOM, Żeromskiego 29.**

przyjmujemy zapisy

**na 5% Pożyczkę i 3% Bony Obrony Przeciwlotniczej**

---

## דאנקזאגונג.

מיר דאנקען הערצליך די **ראַדאָמער לאַנדסלייט** אין **באַלטימאָרע** פאַר די **1400** זלאָטעס, וואָס זיי האָבען געשיקט פארן בית-יתומים און מושב-זקנים.

מיר פערהאָפען, אַז אויך אויף ווייטער וועט איהר געדענקען אין די אָרימע יתומים-קינדער און אלטע לייט פון אייער אלטע היים.

**די פערוואלטונג**
**פון בית = יתומים און מושב = זקנים**

אין ראדאָם.

---

**צענטר. דעט. און קליינהענדלער = פערבאנד** אין **טוילען**

אָפט. אין ראדאָם, זשעראָמסקי 21, טעל. 19-37

**זונטאג** דעם **16 אַפּריל 6 אָווענט פינקטליך**

קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאָל

**די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג**

**מיטן אנטייל פון א דעלעגאט פון דער צענטראלע**

אויפן טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַלען פון אַ פאַרזיצער און אַסעסאָרן 3) סובסקריפציע פון דער הלוואה פאַר לופט-פאַרטיידיגונג (רעפעראַט) 4) באַריכטען: א) אָלגעמיינע ב) קאַסע) ג) רעוויזיאָנס-קאָמיסיע ד) גמילת-חסד-קאַסע ה) בראַנזשען-ארבעט ו) שידס-געריכט. 5) פלאַן פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט (רעפעראָט), 6) דיסקוסיע, 7) וואַלען פון: א) פערוואַלטונג ב) רעוויזיאָנס-קאָמיסיע ג) פאַרוואַלטונג פון גמילת חסד-קאַסע ד) שידס-געריכט 8) פרייע פאָרשלאָגען.

**די פערוואַלטונג.**

---

## דאנקזאגונג

מיר יודישע זעלנער פון היגען פולק דריקען אויס א הערצליכען דאַנק דער פערוואַלטונג פון דער יודישער גמינע אין ראדאָם און אויך דער פאַמיליע ווייסמאַן (מאַלטשעווסקיעגאָ 17) פאַר זייער פעראינטערסירען זיך מיט אונז און פאַר די געשמאַקפולע מאכלים אין פסח. זייער אַרויסגעוויזענע וואַרימע בעציהונג האָט פערטרעטען אונזער פאַמיליע-שטוב אין יום-טוב.

אין נאָמען פון אַלע יודישע זעלנער

סט. ר. משה באַרענשטיין,
דוד אָפענהיים

---

Koleżance

*Poli*

z intencji zaręczyn

serdecznie gratuluje

*Binem.*

---

**ווילט** איר האָבן סאָל ידע אַרבייט
**ווילט** איר האָבן הערליכע דרוק מיט די נייעסטע מאָדערנע שריפטן
**צו ביליגע פרייזען**

**100** **וויזיט קארטן** **1 זל.**

בעשטעלט נור אין **דרוקעריי**

פון **ד. שיינבוים**

ראדאָם, **זשעראמסקי 21**

געדענקט דעם אדרעס:

פריהער זשעראָמסקי 9

היינט **זשעראָמסקי 21**

**ביליגסטע קוועלע**

**פון דרוק = ארבייט**

---

נויטיג

**א לערן = יונגעל**

מעלדען זיך אין דרוקעריי פון רעד. שוואַרליקאָווסקא נומ. 20

---

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי = ווייסע פאָרהאַנגען, גיעט נאָר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער כעמישער פאַרבעריי און פראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

# A. Hempel

Centrala **Stare Miasto 7** telefon 19 - 70

Filje
Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען — פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאנדלונג

קומט און איבערצייגט אייך

צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל 70 - 19

פיליעס: **זשעראמסקי 1 טראוגוטטא 11**
**זשעראמסקי 21, זשעראמסקי 59**

ביליג צו וואשען קאָפּעלושען

# יודישע וואהל-בלאקען צו די וואהלען פון שטאדט-ראט.

די וואהלען צום שטאדט-ראט דערנעהנטערען זיך מיט יעדען טאג און ביי אונז איז נאך פערהעלטניסמעסיג שטיל. מ'הערט פארלויפיג פון די ערשטע הכנות, וואס דריקען זיך אויס אין דעם, וואס מ'רופט א זיצונג און מען שמועסט זיך דורך אויף דער גיך מכח דאס און יענץ.

דערווייל הערט מען פון דריי יודישע ליסטעס: א בירגערליכע, א בונדישע און א בשותפות'דיגע ליסטע פון די לינקע מיט די רעכטע פועלי-ציון.

פריהער איז געווען א סברה, אז דער בונד מיט די לינקע פועלי-ציון זאלען געהן בלאקירט אין איין ליסטע. די דאזיגע קאנצעפציע האט זיך אבער שפעטער געענדערט צוליב די פארטייאישע שייד-ליניע און די לינקע פ. צ. זאלען האבען בעשלאסען אוועקצוגעהן פון בונד און שליסען א בלאק מיט די רעכטע פ. צ. קיין ענדגילטיגע בעשלוסען זענען נאך אלענפאלס גישטא. ביז צו די וואהלען קענען נאך געשעהען פערשידענע סיורפריזען. ס'קען אמאהל נולד ווערען איין פעראייניגטע פראלעטארישע ליסטע פון בונד און לינקע מיט רעכטע פועלי-ציון. און ס'קאן אויך געשעהן אזוי, אז יעדער פון די דערמאנטע פארטייען זאל ארויסשטעלען אנ'אייגענע קאנדידאטען-ליסטע. בעת וואלען קען אלץ פאסירען.

אויפן בירגערליכען פראנט איז אויך נאך אלץ נישט קלאר. ארום אט דעם בלאק גרופירען זיך די פארשטעהער פון ביידע ציוניסטישע ארגאניזאציעס פון די רעוויזיאניסטען, פון סוחרים-פעראיין. וואהרשיינלעך אויך פון קליינהענדלער-פעראיין, פון די יודישע אינדוסטריעלער, פון די האנדווערקער אויף וויטאלדא 10 און פון דער פראפעסיאנעלער ידישער אינטעליגענץ.

אלס אזעלכער געהט ער אן דער בירגערליכער בלאק. ס'איז נאר א פראגע, צו ס'איז ווירקליך אזוי. ט'איז א שענע משפחה, א גרויסע, א רייכע און ס'איז א פראגע, צי ס'וועט קלעקען כיבודים פאר אלע. ביי טיילען מאנדאטען, קען זיך די משפחה שפאלטען און פון איין געפלאנטער ליסטע קענען אמאהל ארויסשפרונגען צוויי, דריי.

אויף דער ערשטער זיצונג פון בירגערליכען בלאק האט מען אויך געזעהן די אגודה און האנדווערקער פון רוויינסקא 1, אויף דער צווייטער זיצונג האט מען זייערע פארשטעהער שוין נישט געזעהן. אין דער צווישען-צייט, פון איין זיצונג אין דער צווייטער, איז ארויף א נייע גמינע. און היות דער איצטיגער פרעזעס פון דער גמינע, איז אנגאזשירט אין די וואהלען פון שטאט-ראט און ער האט גערופען די צווייטע זיצונג – קען זיין, אז דאדורך האבען זיך די פארשטעהער פון דער אגודה און פון די האנדווערקער אויף רוויינסקא צוריקגעהאלטען. וואו זיי געהען און מיט וועמען זיי וועלען זיך פערבונדען איז פארלויפיג נישט בעוויסט.

מיטוואך ביינאכט איז זיך דער בירגערליכע בלאק צונויפגעקומען אין גמינע אויף א זיצונג צום דריטען מאהל. ווער ס'איז געקומען און ווער ס'איז דארט געווארען אנגענומען – ווייסען מיר נישט. די שעפער פון דעם בלאק האבען אפילו נישט געפונען פאר נויטיג צו קאמוניקירען דער פרעסע, אז ס'קומט פאר אזא זיצונג. זיי ווילען נישט מאכען קיין גערויש. ס'איז א פנים בעסער, אז ס'איז שטילער. נאר גאנץ צופעליג זענען מיר געוואהר געווארען פון דער זיצונג און צופעליג... הערען מיר, אז די זיצונג האט בעשלאסען ארויסצוגעבען אנ'אויפרוף די וועהלער זאלען קאנטראלירען, צי זיי זענען אריינגעטראגען געווארען אין די ליסטעס.

# פייערליכע ערעפנונג פון ארץ-ישראל-באזאר.

דינסטאג מוצאי יום-טוב איז געעפענט געווארען דער ארץ-ישראל-באזאר, אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי".

אויף דער פייערליכער ערעפענונג איז געקומען א גרויסער עולם, וועלכער האט פערברענגט אין א היימישער סביבה ביז שפעט אין דער נאכט.

אנגעזעהענע געסט זענען געווען דער שטאדט-פרעזידענט ה' גזשעטשנאראווסקי מיט דער פרוי און דער וויצע-פרעזידענט אינזש. ראדאמסקי מיט דער טאכטער. זיי האבען בעזוכט אלע קיאסקען און אויסגעדריקט אנערקענונג פאר דער שענער איינארדנונג.

ס'איז געווען אנגעקינדיגט א רעפעראט פון דעם פאפולערען ציוניסטישען טהוער און גלענצענדען רעדנער ד"ר משה קליינבוים, וועלכער איז אבער נישט געקומען צוליב אונפאראויסגעזעהענע סיבות

א שאד. דער גאנצער עולם האט איהם געוואלט הערען.

די ערעפענונג'ס-רעדע האט געהאלטען אדוו. סאלבע פון ווארשא.

מיטוואך ביינאכט האבען די ציוניסטישע יוגענד - ארגאניזאציעס: השומר הצעיר, קיבוץ „בחזית", מסדה און עקיבא אויסגעפיהרט א רייכען פראגראם אויפ'ן באזאר. מסדה האט געגעבען א שענע יודישע פארשטעלונג, „השומר הצעיר" האט דעמאנסטרירט גימנאסטישע איבונגען און דער עקיבא-כאר אונטער דער לייטונג פון ב. עיינגאלד, האט אויסגעפיהרט א רייה העברעאישע לידער.

# פראצעס ביי פערמאכטע טהירען.

דער ראדאמער קרייז-געריכט האט ביי פערמאכטע טהירען בעהאנדעלט דעם פראצעס פון די איינוואהנער פון סקארזשיסק יאן סטאנישעווסקי, פלארענטינא סלאוויק און פון דעם 13-יעהריגען יאן טאמאשעק. די ערשטע 2 זענען בעשולדיגט געווארען אין דעם אז זיי האבען דעפראווירט דעם 13-יעהריגען טאמאשיק און געהאט מיט איהם געשלעכטליכע בעציהונגען. דער לעצטער ווידער האט געצויגען פון דעם „פאך" פערדינסטען.

צוליב פערשטענדליכע טעמים קענען מיר נישט איבערגעבען די פרטים פון פראצעס. דער אורטייל האט געלויטעט:

יאן סטאנישעווסקי 3 יאהר תפיסה, פלארענטינא סלאוויק 8 חדשים תפיסה און דערביי איז איהר די שטראף אבגעלעגט געווארען אויף 2 יאהר,

דער יונגער טאמאשיק איז פעראורטיילט געווארען אויף אויסבעסערונג'ס-הויז און די שטראף איז איהם אבגעלעגט געווארען אויף 3 יאהר. אד.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie
Elektrycznym
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

# קרן-היסוד-קאמפיין אין ראדאם.

## (קאמוניקאט)

שבת דעם 22 אפריל פאנגט אן אין אונזער שטאט דער קאמפיין לטובת דעם קרן היסוד, מיט דער בעטייליגונג פון פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען אדוו. הארטגלאס, וועלכער וועט עפענען דעם מפעל.

עס וועט אויך פארקומען א כוס-טעה ביי א היגע פערזענליכקייט אויף וועלכען עס וועלען ווערען פערבעטען די תורמים, עסקנים און חשוב'ע בעלי-בתים.

עס איז צו האפען, אז אונזער שטאט, וועלכע איז בערימט מיט איהר ציוניסטישער טראדיציע און אפפערוויליגקייט פאר אונזערע קרנות וועט היי יאהר ווי אלעמאל ערפילען איהר חוב און די אקציע וועט אדורך מיט ערפאלג.

# פון יודישען ספארט אין ראדאם.

## „הפועל" — „מארגענשטערן" („יוטזשניא") 1:0 (0:0)

פערגאנגענעם דינסטאג איז דא פארגעקומען א מייסטערשאפט-מעטש וועגען „ב"-קלאס צווישען די 2 אידישע פוסבאל-מאנשאפטען: „הפועל" און „יוטשניא". דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיטן נצחון פון „הפועל" מיטן רעזולטאט פון 1:0. די הפועליסטען האבען זעהר שעהן געשפילט און האבען דעם נצחון גענצליך פערדינט. דעם איינציגען גאל פאר הפועל האט געשאסען מארקאוויטש.

ריכטער — ה' טשיכאווא. אר.

# מענטשעלעך...

פאראן ביי קליינע קינדער א נויגונג צו שפילען זיך אין זעלנערלעך און פאראן ביי גרויסע, דערוואקסענע מענשען א נויגונג צו. שפילען זיך אין מענטשעלעך, אין קליינע מענטשעלעך, אין בילדעלעך, אין פארטרעטעלעך. און פונקט ווי קליינע קינדער זעהען מיט זייער רייכע פאנטאזיע אין די קליינע זעלנערלעך, גרויסע העלדישע סאלדאטען, גענעראלער און פעלדמארשאלען, אזוי זעהען אויך די גרויסע מענשען אין זייערע האלבע ביוסט-בילדער, זייער שלימות, זייער פאלקאמענהייט, אזוי די גייסטיגע און אזוי די פיזישע. זיי זעהען זיך דארט מיט אלע מעלות. בעסער געזאגט, זיי דערזעהען זיך ערשט, זיי ענטפלעקען זיך ערשט אליין. זיי בעוואונדערען ערשט אצינד זייער שענקייט, זייער וואוילקייט. א מינוט פריהער, איידער דער פאטאגראפיסט האט זיי אראגעכאפט, האבען זיי זיך אליין נישט געקענט, נישט געוויסט, אז זיי זענען אזוי וואזשנע. ערשט יעצט האבען זיי עס דערשנאפט. זיי האבען געוויסט, אז זיי זענען נישט א ליאדע-ווער, אבער אזוי פיעל — דאס נישט. אווא, אווא, קיין שום עין-הרע נישט, אה, זעה איך דאך ערשט ווי כ'זעה אויס, טפו, טפו. קיין בייז אויג זאל מיר נישט שאדטען...

און ווער שמועסט נאך, אז ס'געפינט זיך א שטאדט-נאר, צי א שטאדט-משוגענער, וואס קומט צו געהן און זאגט:

— פאניע, (ס'קען זיין אויך פאני) זעהט נאר ווי שיין איהר זענט. די שכינה ריהט דאך אויף אייך. איהר האט דאך גוטע טויבען-אויגען, אייערע ליפען זענען ווי די זאנפטיגע קארשען, אייער פנים שיינט ווי די לבנה אין מיטען חודש, אייערע האר ווי שווארצער סאמעט און ערשט אייער נאז, אה, אייער נאז איז דאך גאר א סוד אויסצוזאגען...

איהר זענט א גרויסער מענש און די וועלט ערווארט אייך צו זעהן. איהר ארבייט אזוי פיעל פאר דער מענשהייט און וואס האט איהר דערפון? אפילו דעם מינדעסטען דאנק נישט. אמת טאקע, אז איבער 120 יאהר וועט מען אייך אנטוהן גרויס כבוד. די צייטונגען וועלען שרייבען ווער און וואס איהר זענט געווען. אבער וואס וועט אייך ארויסקומען דערפון? איהר וועט דאס נישט זעהן. צו וואס זאלט איהר ווארטען ביז דאן, אז איהר קענט דאס אלץ זעהן יעצט, ווען איהר לעבט און זענט געזונט און שטעהט אין מיטען ברען פון דער ארבייט לטובת דער גאנצער מענטשהייט.

אז איהר דערהערט אזעלכע רייד, מעגט איהר אליין לאכען, מעגט איהר יענעם אנקוקען ווי א פעררוקטען, ווי א צע'חוש'טן, דאך האט איהר הנאה און עס טוט אייך א נעם. עס געפעלט אייך יא, עס געפעלט אייך נישט—עס קריכט אריין אין קאפ און איר טראכט: אפשר יא. כ'ווייס אז יענער זאגט, מוז דאך עפעס זיין. שפעטער, אז איהר דערזעהט אייך אבגעפארטרעטעלט שאקעלט איהר מיט'ן קאפ און שטוינט: יא, ס'איז גארנישט קיין ליגען. אזוי בין איך טאקע, טאטש וו'טאטש, און איהר הויבט אייך אן צו געפעלען. איהר ווערט אין זיך אליין פערליבט. און ווער שמועסט, אז אונטער אייער „פאדאביזנע" שטעהט נאך א צושריפט, ווער איהר זענט; אז איר זענט דער און דער כלל-טוער מיט די און די פערדינסטען פארן כלל-ישראל דא ווערט איהר אזוי בעגייסטערט, אזוי פאטעטיש-ראמאנטיש געשטימט, אז פאר פרייד און עקסטאז בעווייזען זיך אייך טרערען אין די אויגען און איהר ווילט פשוט ארויספאלען אויף אייער אייגענער שכינה-פאטאגראפיע און זי אויסקושען...

ס'שאדט אויך נישט, וואס איבער נאכט מאכט אייך יענער שטאדט-משוגענער פאר אנ'אינזשיניער, פארא דאקטאר, כאטש איהר ווייסט ביי זיך, אז איהר האט קיינמאהל פאר די אויגן קיין דיפלאם פון אזא מין פאך נישט געזעהען און איהר האט אזא שייכות דערצו, ווי א טאטער צו ציצית — ס'איז גארנישט. אין תחילת שרעקט איהר אייך אביסל. איהר זענט נאך אביסל נאאיוו און אביסל האט איהר טאקע מורא אויך, טאמער טוט מען אייך א פרעג: וואו האט איהר יענע פאפירען?... אבער ס'געהט פערביי. קיינער פרעגט נישט דערווייל און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געוועהנט איהר אייך איין מיטן געדאנק, אז ס'איז טאקע אזוי; אז איהר זענט אנ'אינזשיניער, א דאקטאר און אפילו א רב אויך. איהר סוגעסטירט אייך אליין און איהר פאדערט שוין שפעטער, אז מ'זאל אייך אזוי טיטולירען. טאמער נישט, ווערט איהר בייז און אלס גרויסער מענש, קענט איהר טאקע יענעם חוצפה'ניק אנטוהן אויף טערקיש... אמאהל, אמאהל טהוט אייך אפשר א ציפ, אז ס'איז עפעס פארט נישט אין ארדנונג. אבער דא, טראכט איהר זיך, אז אויפן ערגסטען פאל, וועט איהר אייך אבשאקלען און זאגען: איך ווייס פון גארנישט. עפעס אנ'אידיאט, א חסר-דעה'ניק האט מיך פלוצטאלבען געמאכט פון דער הוילער הויפ ארויס פאר אנ'אינזשיניער, פאר א דאקטאר. איך בין גארנישט שולדיק...

גאר גרינג פארדאס איז אייך צו פערדייען. ווען יענער מאכט אייך נאך גרעסער און הייסט אייך צום בילד אייערען צוגעבען אייער'ס א בעשרייבעכץ אויך. מעגט איהר וויסען ביי זיך, אז דער קאפ איז צו-שוואך פאר אזעלכע זאכען און די פעדער איז צו טעמפ — איהר וועט אייך נישט אקעגענשטעלען, ווייל פון פאראויס ווייסט איהר שוין, אז דאס מיינט יענער בלויז אויף פוץ, און, אז ער וועט עס שוין מאכען פאר אייך. ער האט אייך בלויז געוואלט נעמען „אויפ'ן לעבען" און אייך פערשאפען איין מינוט „טויט-שרעק". יענער טהוט באלד א שמייכעל און איהר פיהלט בעשיינפערליך, אז איהר זענט געהאלפען... און צומארגענס לייענט איהר אייער שאפעכץ געדריקט מיט שווארצע אותיות מיט אייער נאמען נא-שפיץ און ביי דער זייט, אייער בילד אין א שעהן רעמעל — אה, דאן טהוט אייך דאס הארץ א שפרונג און איהר דערזעהט אייך אויפ'ן העכסטען בארג מיט נייע לוחות. איהר בלאזט פון זיך און איהר שעפטשעט צו זיך: נו, יא, איך האב עס דאך אליין אנגעשריבען... איהר הויבט אן אריינקוקען, איהר פרובט איבערלייענען, און דא איז אייך א ביסעל פושיקרע: איהר פערשטעהט נישט א ווארט אבער איהר פאלט ביי זיך נישט אראב, ווייל אז איהר קוקט גוט אריין, זעהט איהר, אז יענער שטאדט-נאר קען אויך נישט בעסער פאר אייך. ער האט דאס בעשרייבעכץ צעקיילט און צעביילט אזוי אז איהר וואלט עס שוין געמאכט טויזענד מאהל בעסער... איהר טראכט אייך דעמאלט: מיט'ן בילד בין איך דא, מיין נאמען איז אונטערגעשריבען, נו, וואס ברויך איך נאך מעהר?

און, אז איהר ווילט שוין גאר זיין אין ארדנונג מיט אייער געוויסען, דערמאנט איהר אייך די מעשה מיט יענעם שכור'ען פויער, וועמען לצים האבען איבערגעטהון אין שענע גלח'ישע קליידער און איהם איינגערעדט, אז ער איז א גלח. דער פויער, אז ער האט זיך אויסגעניכטערט און זיך דערזעהן אין נייעם הילוך, איז ער געווארען איבערראשט און נישט געוויסט וואס ער איז: א פויער, צי א גלח. האט ער געפרובט לייענען אין די ביכער און נישט פערשטאנען א ווארט. דאך איז דער פויער געקומען צום אויספיהר, אז לעולם איז ער טאקע א גלח, אייה, ער קען נישט לייענען די ביכער? — איז דער תירוץ: קיינער קען נישט.

אין אייער פאל האט איהר א ודאי א גרונד אזוי צו טראכטען, ווייל איהר קענט דאך איהם, דעם שטאדט-נאר, מרדכי האקע נומער צוויי, אז ער איז דער אמת'ער פויער, א גראבער יונג כמו שכתוב מיט איינעם א „העלדישען" יונגערמאנטשיק ביי דער זייט, „אישחיל", רופט ער זיך טאקע – וואס לקח'ענט און גנב'עט נא לעווא, אי נא פראווא ארטיקלען פון פרעמדע מחברים (מ'האט איהם געפאקט ביי די האנד).

אבער דאך, אחר כל אלה, זענט איהר צופרידען, בפרט, ווען יענער, דער מאדערנער טשאפלע האט אייך ארויסגעשטעלט עם כל הנערים אויף א „וויסטאווע" אין גאס, פונקט ווי א פאטאגראפישער אנשטאלט און אייך געצויגען און געשלעפט ביים ארבעל: קומט וועט איהר אייך אנקוקען, ווי איהר שטעהט צווישען אנ'אנגעלויף מיט מענשעלעך און איהר שיינט ארויס מיט אייער ליכטיגער צורה. שטעהט א ווייל'ע און קוקט ווי מ'לויפט אויף בייזע ווינדער אנקוקען די מענשעלעך, די גרויסע, קליינע מענשעלעך.

ס'האט אייך מסתמא הנאה געטהון; נאר אויב איהר זענט א בעשיידענער מענש האט איהר אראבגעלאזט די אויגען, נישט קענענדיג קוקען אויף דער אויסשטעלונג פון די מענשעלעך אויף דער גאס. איהר האט געפיהלט דאס איראנישע געלעכטערעל, וואס איז געלעגען פערשטעקט אין די פאלדען, אין די קנייטשען אויף די פנימ'ער פון יענעם מענשען-געזעמעל, וואס איז געשטאנען און „בעווינדערט" ווי שטאד'ס-נאר, מרדכי האקע ווטאראי האט צונויפגעפיהרט און צונויפגעקלאפט אזוי פיעל „קעפ" און „קעפעלעך" און זיי ארויסגעפיהרט אין מארק אריין.

גרויסע מענשען האבען שוין אזא געדולד און זענען אזוי געהארכזאם, אז זיי לאזען זיך פיהרען. אפילו אין באד אריין. יענער ווייסט עס. ער איז א געניטער. ער ווייסט שוין לאנג ווי אזוי מ'פיהרט דעם עולם אין באד אריין, נישט וויכטיג, צי אין בוסקער, צי אין ראדאמער...

אז דער שטאדט-נאר זאל אויך זיין אזא לץ, דאס זעהט איהר איז שוין א נייעס. מיט אזא ליצנות-פיעסע, וואו ס'נעמט אנטייל אזא גרויסער אנסאמבל סאמע „סטארען". 'קומט איהם ווירקליך א פרעמיע. זיין לצ'עוואטע שטיק האט געשלאגען רעקארד...

**א פאטאגראפיסט.**

**ס. בורשטין**

# דאס יודישע בוך איז נישט קיין אורח

איך וויל אייך עפּעס דערצעהלען וועגען מיין פריינד. מיין פריינד האט אן איינ־אונאיינציגע טאכטער. ער האט זעהר ליב זיין בת־יחידה. האט זי אין גימנאזיע געשיקט. שפּראכען געלאזט לערנען און קלאויר פאר איהר געקויפט. נישט געווען פאר מיין פריינד קיין זאך צו שווער און קיין זאך צו טייער פאר זיין טאכטער. ווארום ער האט געוואלט זי זאל אויפוואקסען א וואויל דערצויגענע און געראטענע.

מיין פריינד איז אין די יונגע יאהרען געווען א רעוואלוציאנער. ער איז אויך פערשיקט געווארען דורכ'ן צאראט פאר פערשפּרייטען ליטעראטור.

ביי איהם אין דערהיים, ביי מיין פריינד שטעהט א שאנק מיט יודישע ביכער. ער לאזט זי נישט שטיין פער'יתומ'ט, קאמפּלעטירט זיי, ברענגט צו נייע אויסגאבען פון שרייבער. ער זארגט אויך פאר זייער אויסזעהן, היט צו, אז די באנד זאל זיין פון ריכטיגען לייווענט. אז די רוקענס זאלען ארפשפּינלען פון דער שאנק. מען מוז מודה זייז, אז מיין פריינד טהוט דאס אלץ נישט צוליב פוסטער גאווה. ער לייענט די דאזיגע ביכער און פיל פון זיי זענען א טרייסט פאר זיין נשמה. אבער מיין פריינד איז שוין נישט קיין יונגער מענש ער קוקט מיט אומעט אויף די ביכער. פאר וועמען לאזט ער זיי איבער? ווארום עס זאל אזוינ'ס נישט געשעהן ווי עס טרעפט זיך: מיין פריינד'ס טאכטער די געראטענע די געבילדעטע, קאן נישט לייענען אין די ביכער. וואס איהר טאטע האט א גאנץ לעבען געזאמעלט, און, ווי ליב זיי זאלען זיך נישט האבען, פעהלט דאך צווישען פאטער און טאכטער די געמיינזאמע שפּראך מיין פריינד האט גרויס ערגערניש, ווען ער זעהט ווי זיין איינציג קינד שלינגט ביכער אין פרעמדע שפּראכען, דעם טאטענ'ס שפּראך אבער איז איהר פרעמד.

די עלטער דוקט זיך אן אויף מיין פריינד זיינע אויגען זענען שוואך און אין די לאנגע ווינטער-נעכט איז נישטא ווער עס זאל פאר איהם מארלייענען פון א בוך ארויס.

מיין פריינד האט בעשלאסען אויף דער עלטער תשובה צו טהון. ער האט פאר זיין זיבעצין-יאהריג טעכטערל א יודישען לעהרער צוגענומען, פון יענע לעהרער, וועלכע קומען פון ווילנא און פלאנצען איין די יודישע שפּראך אין אינטעליגענטע הייזער. און א וואונדער איז געשעהן: מיין פריינדס טאכטער, אויסגעהונגערט נאך אייגענעם יודישען אינהאלט האט זיך מיט גרויס אייפער גענומען יודישע ביכער צו לייענען דער פאטער בעדיהנט זיך פאר מיר מיט טרעהרען אין די אויגען:

— און זי לייענט דאך שוין מאנגער'ן אויך אין... איצט פיהל איך זיך געטרייסט: מיין ביכער שאנק וועט נישט בלייבען אהן א יורש. מיין געוויסען איז רוהיג. איך האב א גרויסען פעהלער פעררינכט אין מיין לעבען. בין א בעל-תשובה געווארען. ווי געפעלט אייך עפּעס דער בעל-תשובה, האי?

— יא, יא, — ענטפער איך מיין פריינד — תשובה מתון איז א גרויסע זאך. אבער בעסער איז, ווען מען זינדיגט אינגאנצען נישט...

---

איין בקשה האט דאס יודישע בוך צו יודישע טאטע-מאמע: רעדט באלד פון אנהויב אן מיט אייערע קינדער יודיש, וועט די יודישע ליטעראטור נישט דארפען קלאפען אין אייערע טהירען, ווי אן אורח, וואס האט זיך פערשפּעטיגט...

# 11 וואהל־קרייזען נעמען ארום עטליכע הונדערט גאסען און געסלעך.

דינסטאג זענען פונאנדערגעקלעבט געווארען מודעות פון דער הויפּט־וואהל קאמיסיע וועגען איינטיילען די שטאדט אין קרייזען און ראיאנען, אויף דער צייט פון די שטאדט־ראט־וואהלען. אין די זעלבע בעקאנטמאכונגען ווערען אויך אנגעוויזען די ערטער פון די וואהל־לאקאלען, דער צוזאמענשטעל פון די וואהל־קאמיסיעס, דער טערמין פון ארויסלעגען די וועהלער־רשימות און דער טערמין ארייצוטראגען רעקלאמאציעס.

די וואהל־געאגראפיע פון דער שטאט ראדאם און דאס פערטיילען די גאסען אין בעזונדערע קרייזען און אבוואדען שטעלס זיך פאר ווי פאלגענד:

דער 1־טער וואהל־קרייז, וועלכער איז א 5־מאנדאטיגער, נעמט ארום 3 אבוואדען, וועלכע ליגען אויף דער פארשטאדט זאמליניע. צווישען זיי צוויי, דריי גאסען מיט יודישע איינוואהנער: אלטע־שטאדט, מלעטשנא און שפּיטאלנא.

דער 2־טער וואהל־קרייז בעשטעהט אויך פון 3 ראיאנען (אבוואדען) און איז א 4־מאנדאטיגער. ער נעמט ארום 33 גאסען, אנהויבענדיג זיין מארשריט פון דער פּרק־גאס, איבער די שוהל־גאס און ארײנשניידענדיג זיך אין דער סטארא־קראקאווסקא. געהטער פון דארט ווייטער און פערבינדט א גאנצע רייהע גאסען פון דער צווייטער שטאט־פערפעריע, וואו יודען זענען שוין ווניג בנמצא.

ס"ה זענען אין דעם דאזיגען קרייז פערהאן די יודישע גאסען: פערעצא, בוזשניטשנא, סטארא־קראקאווסקא.

דער 3־טער וואהל־קרייז, וועלכער איז א 5־מאנדאטיגער נעמט ארום 34 גאסען. פון זיי זענען דא 4 גאסען, וואו ס'וואהנען א בעדייטענדע צאהל יודען. דאס זענען: לעגיאנען־פלאץ (דער קיילעכדיגער מארק) שפּאציר גאס, שווארליקאווסקא און א טייל פון דער מלעטשנע.

אויף די איבריגע גאסען זענען דא ווייניג יודען, סיידען יחידים, איינצעלנע וועלכע זענען צעווארפען דא און דארט אבער קיין וואגיקע צאהל בילדען זיי נישט. דאס זעלבע איז אויך אין די ערשטע צוויי וואהל־קרייזען. פון דעם איז צו דרינגען, אז די אויסזיכטען אויף יודישע מאנדאטען זענען דארט גאנץ שוואכע.

דער 4־טער וואהל־קרייז האט 2 ראיאנען און וועהלט 3 ראטמענער. צו איהם געהערען די גאסען: דזשיקא, קאשעראווא, רוויינסקא, שעווצקא, טיבלא, וואלנאשטש, פלאץ יאגעלאנסקי, קילינסקי, מאלטשעווסקי, וואנסקא.

5־טער וואהל־קרייז איז א 3־מאנדאטיגער און צעהלט 23 גאסען, וואו יודן זענען ווייניג אדער גארנישט בעוואהנט.

דער 6־טער וואהל־קרייז וועהלט 5 ראטמענער. ער נעהמט ארום די גאסען נאוואגראדזקא, זשעראמסקי, ביז סלאוואצקי, און וויטאלדא ביז פּיעראצקי.

דער 7־טער וואהל־קרייז איז אויך א 5־מאנדאטיגער און נעמט ארום די גאסען: ברודנא, גראדסקא, מאלא, וואהל, זשיטניא, פלאץ 3 מאי, מיצקעוויטש, מאניושקי, פּילסודסקי, שענקעוויטשא, בערנארדינסקא, קאפערניקא, נארוטאטאוויטש, טראוגוטא.

אין די וואהל־קרייזען 4 — 6 — 7 וועגט זיך די וואג־שאל פון די יודישע מאנדאטען. דא דארפען געבוירען די יודישע שליחי־צבור אין שטאדט־ראט. וויפיעל ס'וועט דערגרייכען זייער צאהל — דאס נעמט זיך קיינער נישט אונטער נביאות צו זאגען. דאס איז בעלאנגען פריהער אין דער צאהל יודישע ליסטעס וואס וועלען דארט ארויסגעשטעלט ווערען.

די וואהל־קרייזען 8 — 9 — 10 — 11 נעמען ארום 114 גאסען, וועלכע וועהלען 18 ראטמענער.

דער 8־טער וועהלט 6 ראטמענער; דער 9־טער 3 ראטמענער; דער 10־טער — 6 ראטמענער און דער 11־טער — 3 ראטמענער.

צווישען די 114 גאסען געפונען זיך טייל גאסען ווי פאשא, דזשערשקאווסקא טשאכאווסקי א. א. וואו ס'וואהנען א גרויסע צאהל יודען. זיי וועלען אבער בטל ווערען בששים.

# „טאכטער, דיך שטראף איך, שניר דיך מיין איך".

דער „דזיען־דאברי" פון עהערנעכטען מיטוואך זאגט מוסר די גוט־בעזיצערס, די פריצים פון הינטער ראדאם, וועלכע פעראינטערעסירען זיך ווייניג מיט'ן „פאן" און צייכענען זיך אויך ווייניג אויס אין דער סובסקריפּציע פון דער מלוכה־הלוואה. „בלויז איין „דזשעדזשיץ" אנ'אייגענטימער פון א גרויסען פערמעג האט זיך פערמאסטען אויף א „גרויסען זשעסט" און דעקלארירט אויף דער מלוכה־הלוואה טויזענד זלאטעס. דאס איז אקוראט אזוי־פיעל, וויפיעל דער צעבאליעוועטער פריץ גיעט אויס אין ווארשא דורך איין פרעהליכע נאכט".

דער „דזיען־דאברי" פערגעסט נישט דערביי אויך ארייצומישען די ראדאמער יודען, וועלכע ער בעטיטולט דאס מאהל מיט'ן נאמען „איזראעליטען". ער פערבראקט די פריצים מיט די יודען צוזאמען און שרייבט:

„אויב מ'ווארפט פאר די יודען אין זעהר א סך פאלען א מאנגעל אין פאטריאטיזם און אין צוגעבינדענקייט צו פוילען, טא וואס־זשע ברויך מען זאגען וועגען די ה"ה „דזשעדזשיצעס", וועגען זייערע ריטערליכע טראדיציעס און וועגען זייער שטאלצען נאציאנאלען געפיהל?..."

ס'איז נישט די ערשטע ליגען פון אונזערע „יודען־פריינד". שטענדיג און אומעטום ווילען זיי פארשטעלען דעם יוד אין שווארצע פארבען. אפילו דארט, וואו אלע זעהען קלאר די אויפריכטיגע און לאיאלע איבערגעגעבענקייט פון די יודישע בירגער, אפילו דארט מוזען זיי א גאס־טוהן א שווארצען פלעק, מיינענדיג אזוי־ארום צו פערבלענדען אלעמענ'ס אויגען. אויב שוין יא זיך עדותען מיט יודען ביי דעם מוסר־זאגען די פריצים, פארוואס האט נישט דער „דזען־דאברי" זיי דערצעהלט, וואס די ראדאמער יודען האבען געגעבען פאר'ן „פאן" און אויך ווי זיי בעציהען זיך צו דער מלוכה־הלוואה פאר לופט פערטיידיגונג? וועגען דעם, אז די יודישע פירמע „לודאוויקא" האט געשאנקען אנ' ארעראפּלאן פאר עטליכע און דרייסיג טויזענד זל. און דריי מאשינען־געוועהר; אז די יודישע פירמע קראמאלאווסקי האט געצייכענט 10 טויזענד זל. אויף דער מלוכה־הלוואה און געגעבען אויפן פאן דריי מאשינען־געוועהר; אז יודישע שילער פון „פשיאטשול־וויעדזי" האבען געגעבען אויפ'ן „פאן" 200 זל, די יודישע פירמע י. מ. לעסלאו און זיהן 5000 זל, די פירמע רובינשטיין 5000 זל. וכהנה וכהנה — דאס אלץ מאכט זיך פארגעסען דער „דזיען־דאברי". דאס דערצעהלט ער נישט יענע פריצים, נאר ער באקט בעסער אב א גראבע ליגען אז מען „מאכט פארוואורפען די יודען אין מאנגעל פון פאטריאטיזם און פון צוגעבינדענקייט צו פוילען".

ס'איז ווי יענע שוויגער, וואס שטראפט די טאכטער און מיינט די שניר...

# כוליגאנעס צעשלאגן מערדערליך די ברידער אפאטאווסקי

## צו־ערשט אבגעגאסען מיט א קובעל קאלעך, דערנאך בעווארפען מיט שטיינער — די הויפּט־שלעגער צוויי שילער פון דער האנדעלס־שולע.

שבת 4 א זייגער בייטאג זענען געגאנגען די ברידער ישעיה און חיים אפאטאווסקי אויף דער שפּאציר גאס. צוקומענדיג צום ספארט־פלאץ ביים אלטען גארטען, האט זיך צו זיי דערנעהנטערט דער שילער פון דער 4־טער קלאס פון דער האנדעל'ס־שולע, וואצלאוו טשערווינסקי, און אנגעגאסען חיים אפאטאווסקי מיט א קובעל קאלעך, מיט וואס ער האט געוואלט אויסווייסען דעם פלאץ. דער נייער פאלטא מיטן נייעם הוט, וואס אפאטאווסקי האט געטראגען, זענען געווארען אינגאנצען בעשעדיגט.

ווען אפאטאווסקי האט זיך געפרעגט פארוואס ס'איז אים דאס געקומען, האט דער צווייטער ברודער, זיגמונט טשערווינסקי, אויך א שילער פון דער זעלבער שולע, געעפענט דאס טויער פון ספארט־פלאץ און ס'איז ארויס א גאנצע מחנה כוליגאנעס, וועלכע האבען זיך אויף איהם געווארפען און מערדערלעך צושלאגען, מאכענדיג איהם א טיפען לאך אין קאפ מיט א ריזיגען שטיין און איהם אויך געלעכערט די האנד, דער שטיין איז געווען אזוי גרויס, אז דער כוליגאן האט אים געמוזט אויפהויבן מיט ביידע הענד.

ישעיה אפאטאווסקי זעהענדיג זיין ברודער א צובלוטיגטען, האט אים געוואלט בעשיצען. אבער דא האט וואצלאוו טשערווינסקי מיט אנ'אייזערנע הענטשקע איהם דערלאנגט א שרעקליכען זעץ איבערן פּנים, אז ער האט איהם נעלעכערט די נאז און געשפּאלטען די ליפּ. דאס איז נאך געווען ווייניג פאר די רוצחים און זיי האבען די בעפאלענע בעשיט מיט א האגעל שטיינער.

ביידע ברידער אפאטאווסקי זענען ערנסט פערווינדעט געווארען. מ'האט זיי אבגעפיהרט א היים, אויף דער זעלבער גאס (שפּאציר גאס 23) וואו ד"ר גוטמאן האט זיי געגעבען די ערשטע הילף. ביידע ברידער זענען פערבאנדאזשירט און געפינען זיך נאך אונטער מעדיצינישע אויפזיכט.

---

אין זעלבען שבת, אוונד, איז בעפאלען געווארען אויף דער שפּאציר גאס דער יודישער יונגערמאן מרדכי דוד ראזענצווייג פון קאשעראווא 7.

דאס איז נישט דער ערשטער פאל אויף דער שפּאציר־גאס. דארט גדאסידן גאנץ אפט כוליגאנישע אנפאלער, וועלכע געהערען — ווי די יודישע איינוואנער פון יענער גאס שטעלען פעסט — צו דעם ספארט־קלוב ד. ק. ס.

## פון קליינהענדלער־פערבאנד (קאמוניקאט)

דערמיט מאכען מיר בעקאנט אלע מיטגלידער, דאס זונטאג דעם 16 ה. ח. 6 אוונד פּינקטליך קומט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג מיט'ן אנטייל פון א פארשטעהער פון דער צענטראלע.

אויפ'ן טאג ארדנונג זעהר וויכטיגע פראגען,

ס'איז אויך פאראויסגעזעהען א רעפעראט פון קאמיסאר פאר די סובסקריפּציע פון דער הלואה פאר לופט־פערטיידיגונג.

די פערוואלטונג.

# „ענדעקישער טעראר"

אונטער דעם קעפּעל שרייבט דער היגער „ראבאטניק" פון עהערנעכטען מיטוואך:

„די פאליציייאישע כראניק טיילט מיט, אז דעם 6 ה. ח. האט דער דראזשקאזש פראנצישעק קארן געפיהרט דריי פאסאזשירען פון זשעראמסקי אויף ווארינסקי, וועלכע האבען איהם פאדן קורס נישט בעצאהלט".

פראנצישעק קארן האט ביז יעצט געהערט צום ענדעקישען פעראיין פון די דראזשקאזשעס „פראצא פאלסקא". ווי אנדערע, האט ער אויסגעקויפט א לעגיטימאציע, בעצאהלט מיטגליד'ס־שטייער און בעקומען א שילדעל „דראזשקא כזשעשטשיאנסקא" פאר 4 זל. (!) די באנדען פון מיטגליד'ס־אבצאהל, פון דער לעגיטימאציע און פון „בלעכעל" האבען זיך ארויסגעוויזען פאר צו מאגער אויף צו בעצאהלען דעם סעקרעטאר פון ענדעקישען פעראיין, א געוויסער ה' סכאבאוויטש. וואס אליזא טהוט די „מאכט", פון פעראיין, אין דער פערזאן פון דערמאנטען סכאבאוויטש?

לויט'ן מוסטער פון דער אדמיניסטראטיווער מאכט לעגט דער ענדעקישער פעראיין ארויף אויף די „כזשעשטשיאנסקע דראזשקאזשעס" „קארנע" מאנדאטען. און דעריבער ווען א דראזשקאזש צעקריעגט זיך מיט'ן ווייב, לייגט אויף איהם ארויף דער ענדעקישער פעראיין א שטראף אין דער הויך פון 5 זלאטעס א. ד. גל.

פראנצישעק קארן האט מען גערופען אומציקעהרען די לעגיטימאציע מיט דער בלאך אונטער דער דראהונג פון מעלדען דער פאליציי. ווען קארן האט טראץ די דראהונגען, דאס בלעכעל, פאר וועלכען ער האט בעצאהלט 4 זל. — נישט צוריקגעגעבן, האבן דריי ענדעקישע משולחים זיך אריינגעזעצט אין זיין דראזשקע, הייסענדיק זיך פיהרען צו דער קאנגרעס־האליע. אויסשטייגענדיג האבען די ענדעקישע באיאוויקעס אים גוט צושלאגען, אראבגעריסען דאס היטעל מיטן אנצוג און אנטלאפען.

מיט אזעלכע מעטאדען ווילען די ענדעקעס דערגרייכען א פאנד אויף אויסצוהאלטען א סעקרעטאר פון ענדעקישען פעראיין „פראצא־פאלסקא".

# פארפאלען אין די חגא־טעג

מאנטאג דעם צווייטען טאג חגא האט אנ' אויטא אויפן שידלאווצער שאסע איבערגעפאהרען דעם דארפסמאן יאן וויאטראק און אויפן ארט איהם דערהרג'עט.

דער פיהרער פון אויטא סטאניסלאוו יאראשינקי איז ארעסטירט געווארען.

* * *

אויף דער ווארשאווער גאס איז אנ' אויטא ארויפגעפאהרען אויף א ראווער און פערווינדעט דעם 15־יעהריגען גאמבינסקי.

מיט'ן אויטא האט אנגעפיהרט דער ד"ר ראמאלד קלימקעוויטש פון ווארשא וועלכער האט דעם יונגען ראוועריסט איבערגעפיהרט אין פוילישען שפּיטאל וואו ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער שארבען איז איהם געפלאצט.

* * *

דאס מאטאציקל אויף וועלכען ס'זענען געפאהרען סטעפאן סטאנישעווסקי (גיסערסקא 11) מיט מאריא קאטשאראווסקא (סלאוואצקיעגא 128) האט זיך אנגעשטויסען אויף א טעלעפאנישען סלופּ און ביידע זענען ערנסט בעשעדיגט געווארען. ביי איהר איז געפּלאצט דער שארבען און ער איז שווער צעקאליטשעט געווארען. מ'האט ביידע אבגעפיהרט אין שפּיטאל אריין.

## 1 מענש דער'הרג'ט — 10 מאן שווער פערווינדעט

* * *

דעם צווייטען טאג חגא איז אויף א פערוויילונג אין א דארף הינטער ראדאם אויסגעבראכען א קריעג, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין א בלוטיגע הריגה, אזוי, אז 7 מאן האט מען אין א שווערען צושטאנד געברענגט אין היגען פוילישען שפּיטאל.

### מאיר הערץ

# שכנא משמש און יאָסעלע שמייסער

### פון דער סעריע «די פּוילישע פּאָווסטאַניע»

XIII

אין מאָגעלניצע איז מענדעל בעל־עגלה'ס ווייב, חיה רויזעל, אַזוי גיך נישט אָנגעקומען צום רבי'ן. ס'זענען דאָרט געשטאַנען פולע שטיבען מיט מענשען, מעהרסטענטיילס ווייבער פון דער פרעמד, פון די אַרומיגע קליינע שטעדטלעך, וואָס זענען געקומען אויסגיסען זייערע ביטערע הערצער און נעמען אַ ברכה פון גרויסען צדיק, אויף פרנסה, אויף קינדער־האָבען און נאָך אַנדערע ישועות. די ווייבער זענען געשטאַנען מחנות'ווייז אַרום דעם לאַנגען גרויסען טיש און זיך געשטופּט צו שכנא משמש, וועלכער איז געזעסען אין דער מיט, אַנ'איינגעהויקערטער, אַז מ'האָט קוים דאָס פנים אַרויסגעזעהן. שכנא משמש האָט געשריבען קוויטלעך מיט איין האַנד און מיט דער צווייטער האַנד אַריינגעשאַרט אין די הינטער־קעשענעס פון דער געהאַקטער קאַפּאָטע די היבשע גראַשענ'ס וואָס די ווייבער האָבען איהם מיט וויינענדיגע אויגען דערלאַנגט פאַרן שרייבען.

חיה רויזעל, כאָטש זי איז דאָ געווען אַ קרובה, האָט זיך אינגאַנצען נישט אַרויסגעזעהן. אין איהר אָרימען הילוך האָט זיך קיינער רעכט נישט אומגעקוקט אויף איהר. אַפילו די רביצין מיט די טעכטער האָבען זיך מיט איהר נישט געוואַלדיג אַרומגעכאַפּט. אַפילו דער ערשטער שלום־עליכם איז באַלד געווען אַ קאַלטער. אין רבישען הויף האָט מען געמיינט, אַז חיה רויזעל איז אַ ודאי געקומען נאָך שטיצע, אַזוי ווי דער שטייגער פון אַנדערע קרובים; חיה רויזעל האָט אַלץ געזעהן און פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט זיך גאָרנישט נעמאַכט דערפון: אדרבא, ס'איז גוט אַזוי — האָט זי מיט צופרידענהייט זיך געטראַכט. עלעהיי ס'וועט טאַקע קאָסטען ביליגער און זי וועט אָבהאַנדלען מיט'ן רבי'ן במקח השוה.

חיה רויזעל איז אָבער געווען אונרוהיג צוליב איין זאַך: וואָס ס'געדויערט אַזוי לאַנג און זי קען צום רבי'ן נישט אָנקומען. אונטער'ן בעטעל דאָרט אויף דער אַכסניה ליגט דער זאַק איהרער וואו ס'איז בעהאַלטען גאָלד און בריליאַנטען און מ'קען עס הלילה צו'גנבענען, אָדער ס'קאָן גלאָט דאָרט עמיצער צוגעהן אַפּויערדרוימען און דערווייל אומגעריכט אַרויסשלעפּען אַזאַ טייערע מציאה און שטילערהייט אַראָבלאָזען עס אין קעשענע. דערנאָך שריי חי וקים און בעט יענעם ער זאָל אויף דיר רחמנות האָבען און דיר אָבגעבען די גניבה.

חיה רויזעל האָט אינגאַנצען געפּיבערט פון אַזאַ געדאַנק. זי האָט דעריבער בעשלאָסען, אַז זי וועט קיינעם נישט פרעגען און אַליין אָהן שכנא'ס משמש'ס ערלויבעניש אַריינגעהן צום רבי'ן. זי האָט נישט קיין מורא פאַר קיינעם, זי פרעגט נישט נאָך קיינעם. זי איז אַ קרובה. און צווייטענ'ס ווי קען זי זיך פערקוקען אויף די אַנדערע ווייבער? זי פיהרט דאָך עפּעס אַ גאַנצען מאַיאָנטעק פאַר'ן רבי'ן: צוויי שנירלעך פּעריל, עטליכע בריליאַנטלעך און אַ פּאָר אימפּעריאַלען.

אַזוי האָט זיך חיה רויזעל געמאַכט קוראַזש און נאָכן גלייך־מאַכען זיך דעם בוזעם, וואו ס'איז געלעגען ס'גאָלד־וואַרג, איז זי צו צום רבינ'ס טיר און אָנגעקלאַפּט.

שכנא משמש, וואָס האָט געהאַלטען וואַך אויפן רבינ'ס טיר, האָט אַלע מאָל אַריבערגעוואָרפען זיין בליק איבער די ווייבער צו זעהן, צי ס'כאַפּט זיך נישט עמיצער אַריין אָהן זיין וויסען אין רבינ'ס חדר; האָט ער טאַקע דערזעהן, וואָס חיה רויזעל גרייט זיך צו טוהן און ער איז אַפּויערגעשפרונגען פון טיש מיט אַ באַרג קוויטלעך אין די הענד. ער איז געלאָפען אין איין כעס און אַלע ווייבער נאָך איהם. ס'איז געוואָרען אַ געשריי, אַ געטומעל. די ווייבער האָבען אויפגעהויבען אַ געוואַלד, אַז אַזוי טאָר נישט זיין. זיי וואַרטען שוין דאָ פון פאַרטאָגס אָן און קענען זיך נישט דערוואַרטען און דאָ קומט פּלוצלינג איינע און מיר־נישט, דיר־נישט שאַרט זי זיך אַריין צום רבין גלייך ווי גאַרנישט. אויך שכנא משמש איז שוין געשטאַנען גרייט מיט אַ פול מויל געשריי און די אויגען האָבען ביי איהם געפונקעלט מיט גרינע פייערלעך ווי ביי אַ קאַץ. חיה רויזעל האָט איהם נישט געלאָזט אויסשיסען און איז אַרויס מיט לשון:

— וואָס שרייט איהר, וואָס לאַרעמט איר? יאַך בין דעם מאָגעלניצער רבינ'ס אַ קרובה, יאַך געה נישט אָבגעבען קיין קוויטעל, יאַך ברויך ערלעדיגען אַ פּילנע געשעפט. יאַך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטען! —

שכנא'ן איז פאַרשטיפּט געוואָרען דאָס געשריי, אָבער פאַרלוירען האָט ער זיך נישט. ער האָט פאַרשטעלט די טיר מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און פון זיינע מיט טאַבאַק־אָנגעפּולטע נאָז־לעכער האָט געזעצט אַ שווערער אָטהעם. ער האָט געשוויגען און געהאַלטען אין דער הויך צוויי שווייסיגע הענד מיט שטויסען קוויטלעך, ווי איינער זאָגט: נאָט זעהט, אַזוי פיעל קוויטלעך ברויך דער רבי אדורכלייענען און זי אָ־דאָ, שטערט און לאָזט נישט.

חיה רויזעל האָט אָנגעכאַפּט שכנא משמש ביים קאָלנער און איהם געוואָלט אוועקשליידערען פון טיר. ער האָט אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ נישט צו פילען די בערירונג פון אַנ'אשה'ס האַנד, אָבער געבליבען שטעהן שטאָל און אייזען אויפן פאַסטען מיט פערקאַוועטע פיס אין דער געלעכערטע פּאַדלאָגע.

חיה רויזעל וואָלט איהם גובר געווען, ווען ס'קומען אים נישט צו־הילף די ווייבער און שלאָגען אים נישט אָב פון דער טיר. חיה רויזעל האָט דאָ פּלוצלינג דערפיהלט, ווי דער בוזעם ווערט לויז און ס'צעשיט זיך דאָרט אַלץ איניוועניג. איז זי שטעהן געבליבען און נאָך אַ שנעלען ישוב באַלד אָבגעטרעטען אויף צוריק. דאָ האָט זי אַרויסגענומען אַ גאָלד־שטיקל און עס אַ וואָרף־געטוהן צו שכנא ממש, וועלכער איז איבערראַשט געוואָרען, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט אַלע קוויטלעך פון די הענד און אַוועק פון דער טיר אויפהויבען פון דער ערד די גאָלדענע מטבע. אויך די ווייבער האָבען זיך פערגאַפּיעט און דערווייל איז חיה־רויזל אַריין אין רבינ'ס שטיבעל.

שכנא משמש האָט שוין גאָרנישט געהערט, נאָר אוועקגעשטעלט זיך אונטער די טיר און דורך אַ שפּאַרע אַריינגעשטעקט אַנ'אויג מיט אַנ'אויער צו זעהען און צו הערען וואָס חיה רויזעל וויל דאָס פון רבין.

און ער האָט געזעהען ווי חיה רויזל דרעהט זיך אויס אין אַ ווינקעל, נעמט אַרויס פון בוזעם אַ טאָרבעלע, מיט וואָס זי דערנעהנטערט זיך צום רבינ'ס טיש און טוט אַ שיט אויס און זאָגט:

— מאָגעלניצער רבי, יאַך בין מענדל פּיליצערס ווייב, אייער קרובה. כ'האָב אייך געבערענגט אַ דריט חלק שותפות פון דער מציאה, וואָס מיין מיין האָט געפונען. איהר האָט איהם געגעבען אַ אַ ברכה, וואָס איז טאַקע מקוים געוואָרען —

דער רבי האָט אַפילו נישט אויפגעהויבען די אויגען, נאָר בלויז איבערגעפרעגט:

— נאַרסטו מיך נישט אָב, איז דאָס באמת אַ דריט חלק? געדענק, טאָמער נישט, וועסטו האָבען חרטה —

וואָס דאָרט איז ווייטער פאַרגעקומען האָט שוין שכנא נישט געזעהן, ווייל ער איז הענדום־פּענדום אַריין צו דער רביצין אין קיך מיט אַ געוואַלד, אַז חיה רויזעל האָט געבערענגט דעם רבי'ן אַ גאַנצען אוצר, און, אַז ער אַליין האָט אויך געקריגען פון איהר אַ גאָלד־שטיקעל.

דאָס האָט אונטערגעהערט יאָסעלע שמייסער, וואָס האָט געבערענגט אויפן פיהרעל חיה רויזלען. ס'איז געווען אַ קאַלטער טאָג און הונגעריג איז ער אויך געווען, איז ער אַריינגעגאַנגען צו דער רביצין, וועלכע האָט גע'שמ'ט אַלס אַ גוטע נשמה, און זי האָט איהם געגעבען אַ שטיק ברויט מיט אַ טעפּעל קאַווע; איז אַזוי עסענדיג און טרינקענדיג, האָט ער אַלץ געהערט; זיך געמאַכט נישט הערענדיג און אַריינגעטהון אַזוי די אויגען מיט'ן פּנים ביז איבער'ן מויל אין טאָפּ קאַווע און געזיפּט אַזוי הויך, אַז ס'זאָל הייסען מכלומרשט, אַז ער הערט נישט און זעהט נישט.

יאָסעלע שמייסער האָט זיך נאָכדעם אָבגעווישט די וואָנסעס, אָבגעקלאַפּט די קרישקעס פון זיין שטעכעדיג בערדעל געדאַנקט דער רביצין, וואָס זי האָט איהם דערקוויקט און זיך שטילערהייט אַרויסגעשאַרט.

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געווען אין דער אַכסניה, אַרונטערגעקראָכען אונטער'ן בעטעל און אַפּויערגעשלעפּט דעם זאַק, אויפגעוויקעלט שנעל אַרויסגענומען ברילאַנטען, פּערעל, גאָלדענע רענדלעך און דערנאָך צוריק פערפאַקט דעם זאַק אַזוי, אַז מ'זאָל גאָרנישט דערקענען און נאָכ'ן אַרונטערוואַרפען איהם צוריק אונטער'ן בעטעל, איז ער פערשווינדען.

יאָסעלע שמייסער האָט עס געמאַכט אַזוי פלינק און געשיקט, אַז קיינער אין דער אַכסניה האָט איהם נישט בעמערקט

אין מאָגעלניצע איז אָבער נאָך אין זעלבען טאָג אַרויס דער סוד, אַז מענדעל פּיליצער האָט געפונען אַנ'אוצר. שכנא משמש האָט אויסגעפּלוידערט דעם סוד דער ערשטער, און פון איהם איז עס געגאַנגען פון מויל צו מויל, ביז ס'האָט זיך איבערגעטראָגען אַזש העט, העט אין יענעם שטעדטעל, וואו מענדעל בעל־עגלה האָט געוואוינט.

חיה רויזעל, אַז זי האָט דערהערט דאָס קאָכעניש אין מאָגעלניצע און דערזעהן זיך אַרומגערינגעלט פון גאַנצען שטעדטעל, האָט זי זיך דערשראָקען און געזיכט אַ וועג צו אַנטלויפען. זי איז געווען אינגאַנצען בערוישט. אַלץ שמייכעלט צו איהר. וואו זי געהט, מאַכט מען איהר אַ וואָרע. שכנא משמש האָט איבערגעלאָזט אַלע ווייבער מיט די קוויטלעך און מיט די פּדיונים און טאַנצט אַרום איהר ווי אַ זומער־פויגעלע אַרום פייער. אין רבישען הויף איז זי דער טייערסטער און אָנגעלעגסטער גאַסט. מ'הערט נישט מעהר נאָר חיה רויזעל אַהער, חיה רויזעל אַהין. אַלץ קוקט איהר אין מויל אַריין און יעדעס וואָרט וואָס זי זאָגט אַרויס, ווערט אויסגעכאַפּט ווי די גרעסטע חכמה. מ'איז איהר גרייט דאָס טעלערעל פון הימעל אָקעגענצוטראָגען.

חיה רויזעל זעהט דאָס אַלץ און גאָרנישט איז איר נישט ניחא. ס'איז נישט גוט אַזוי — טראַכט זי און ס'בעקומט איהר נישט דער נאַנצער כבוד — ס'טויג נישט וואָס דער סוד איז אַרויס. ס'איז אַנ'אומגליק. שוין מוז זי אַנטלויפען פון דאַנען.

און חיה רויזעל בעפעהלט תיכף יאָסעלע שמייסער איינצושפּאַנען דעם וואָגען און זי געזעגענט זיך מיטן „הויף" און מאַכט פּליטה.

איבערן גאַנצען וועג האַלט זי צוגעפּרעסט דעם זאַק צום האַרץ. יאָסעלע שמייסער בעמערקט דאָס, אָבער ער מאַכט זיך אוועקקוקען און שמייסט דאָס פערדעל.

געקומען אַ היים,. ווערט זי געוואָהר, אַז אויך דאָרט ווייס מען שוין עפּעס. וואָס איז? מענדעל האָט געטוישט עטליכע גאָלדענע רענדלעך ביי העשקעלע חלפן און שוין — דאָס שטעטל געהט האַראַראַם. העשקעלע חלפן האָט דערצעהלט די מעשה אין בית־מדרש, אַז מענדעל האָט געטוישט ביי איהם אַ פּאַר אימפּעריאַלען — און מעהר ברויך מען שוין נישט.

(פאָרזעצונג קומט)

# אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודישן קאַמבאַטאַנטען־פעראיין אין ראַדאָם.

## דעלעגאַט פון וואַרשאווער קרייז נאָמינירט אַ קאָמיסאַר און אַ ביוראָ.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אידישען קאָמבאַטאַנטען־פעראיין, אויף וועלכע מ'האָט ערוואַרט אַ רייהע סענסאַציעס, האָט אַרויסגערופען אַ גאָר גרויסען אינטערעס.

אָט האָט מען געוויסט, אַז אויף דער פערזאַמלונג וועט קומען צו אַ שטאַרקען קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע פון דער איצטיגער פערוואַלטונג און די פערוואַלטונג אַליין וועט זיך וועלען אָפּרעכנען מיט עטליכע פּערזאָן, וועלכע האָבען זיך געשטערט אין דער אַרבעט.

צו דער פערזאַמלונג איז ספּעציעל געקומען דער פּרעזעס פון וואַרשאַ פון אידישען קאָמבאַטאַנטען־פעראיין אינזש. פלאָום, בכדי גענוי אויסצוהערען וואָס עס טהוט זיך דאָ און איינפיהרען אָרדנונג און דיסציפּלין.

די אידישע קאָמבאַטאַנטען האָבען זיך צו דער פערזאַמלונג געשטעלט גאָר צאָהלרייך.

די פערזאַמלונג עפענט דער פּרעזעס פון קאָמבאַטאַנטען־פעראיין ד"ר לעווי, וועלכער שלאָגט פאָר אַלס פּאָרזיצענדען פון דער פערזאַמלונג דעם גאַסט פון וואַרשאַ, פּרעזעס אינזש. פלאָום. וואָס ווערט אויפגענומען דורך אַלע מיט אַפּלאָדיסמענטען.

פּרעזעס אינזש. פלאָום נעהמט איבער דעם אַמט פון פּאַרזיצער און שילדערט די לאַגע פון דעם אידישען קאָמבאַטאַנטען־פעראיין אין פּוילען. ער גיט איבער, אַז ביים היינטיגען טאָג זענען פאַרהאַן אין לאַנד איבער 70 אָפּטיילונגען פון אידישע קאָמבאַטאַנטען. פאַרהאַן אויך 2 אָפּטיילונגען פון אידישע קאָמבאַטאַנטען (וועלכע האָבען געקעמפט פאַר פּוילענ'ס פרייהייט) אין בעלגיען.

די ראַדאָמער אידישע קאָמבאַטאַנטען געהערען צום וואַרשאווער קרייז, צו וועלכען עס געהערען אויך די שידלעצער קאָמבאַטאַנטען.

פּרעזעס אינזש. פלאום ערקלערט, אַז אין אַלע אָפּטיילונגען פון וואַרשאווער קרייז, וואו ער איז שוין 7 יאָהר פּרעזעס, הערשען ברידערליכע בעציהונגען און מען הערט נישט פון קיין קריגערייען.

אויף דער טאָג־אָרדנונג געפונען זיך 2 פּונקטען: בעריכט פון דער טעטיגקייט פון דער פערוואַלטונג און פרייע פאָרשלאָגען.

אַזוי ווי די פערזאַמלונג איז געווידמעט ריין־אינערליכע ענינים שלאָגט פאָר ה' אַרנאָלד ראָזענפעלד צו בעזייטיגען אַלע נישט־מיטגלידער. דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען.

אַ בעריכט פון דער טעטיגקייט גיעט איבער דער סעקרעטאַר פון דער פערוואַלטונג ה' אַלעקסאַנדער לעווי. פון דעם בעריכט איז צו זעהען, אַז עס איז פיעל אויפגעטוהן געוואָרען אויף דעם געביעט פון זאָרגען פאַר אַרבייט פאַר די אַרבייטסלאָזע אידישע קאָמבאַטאַנטען. עס ווערט אָרגאַניזירט מעדיציניש הילף פאַר די אָרימע קראַנקע קאָמבאַטאַנטען. מען האָט געזוכט אַ לאָקאַל פאַר דעם פעראיין, און, אַז פאַרשטעהער פון קאָמבאַטאַנטען, האָבען אַנטייל גענומען אין אַ רייהע פייערונגען.

עס ענטוויקעלט זיך נאָך דעם איבערגעבען דעם בעריכט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל 15 רעדנער, צווישען זיי: גאָלדשטיין, שטעלמאַן, פרידמאַן, וויכטעל, באָרמייסטער, אַרנאָלד ראָזענפעלד, אַלקסאַנדער לעווי. שפערבער, גייגער און אַנדערע. מיט דער ערשטער קריטיק געגען דער פערוואַלטונג טרעט אַרויס ה' וויכטעל. ער ערקלערט, אַז וועט פאָדערען נישט אויסצודריקען אַבסאָלוטאָריום דער פערוואַלטונג.

מיט אַ שטאַרקע בעשולדיגונג געגען דעם פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג איז אַרויסגעטרעטען ה' קייזער.

אויף אַלע בעשולדיגונגען האָט אָבגעענטפערט וויצע־פּרעזעס אַדוו. פעניגשטיין, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אַז מען האָט דער פערוואַלטונג געשטערט אין דער אַרבייט, און, אַז ביי אַזעלכע בעדינגונגען וועט דער פּרעזעס ד"ר לעווי נישט קענען מעהר מיטאַרבייטען און דעריבער זאָגט ער זיך אָב פון זיין אַמט. אַדוו. פעניגשטיין האָט אין זיין ווייטערדיגע רעדע אָנגעמערקט, אַז בלויז 2 פּערזאָהן שטערען אין דער אַרבייט און זיי ברויכען דערווייטערט ווערען.

נאָך איהם האָט דער לעצטער גערעדט דער פּרעזעס ד"ר לעווי, וועלכער האָט ערקלערט אויף ווי ווייט מ'האָט איהם געשטערט אין דער אַרבייט, און ווי נישט זאַכליך עס איז די קריטיק פון די עטליכע מיטגלידער. צוליב די אַלע סיבות בעלייגט ער דעמיסיע פון זיין פּרעזעס־אַמט.

באַלד נאָך איהם האָט דימיסיאָנירט די גאַנצע פערוואַלטונג. דאַן האָט גענומען דאָס וואָרט דער פּאַרזיצענדער, קאָמענדאַנט פון וואַרשאווער קרייז אינזש. פלאָום, וועלכער האָט געזאָגט: איך האָב געהאַט גענוג געדולד דאָ אַלץ אויסצוהערען בערך 4 שעה, אָבער איך האָב גרויס פערדרוס אויף דער פערוואַלטונג וואָס האָט זיך אַזוי געצאַנקט מיט די עטליכע שטערער. די פערוואַלטונג האָט גענוג פולמאַכטען אַפילו אויסצושליסען די שטערער פון פעראיין. און אויב איהר האָט דאָס נישט געטהון וועל איך דאָס טהון.

דאַן האָט ער אָבגעשטעלט די טעטיגקייט פון דער ראַדאָמער אָבטיילונג, און נאָמינירט אַלס קאָמיסאַר פון דער אָבטיילונג ד"ר לעווי און געשאַפען אַ ביוראָ פון פאָלגענדע פּערזאָהן: אַדוו. פעניגשטיין, ד"ר זשאַבנער, אַלעקסאַנדער לעווי, גאָלדשטיין, פרענקעל און באָרמייסטער. נאָכדעם האָט ער תיכף די פערזאַמלונג געשלאָסען.

אַר.

רייזעס
און אויספלוגען
קיין פאלעסטינע
דרום אמעריקא און אנדערע לענדער מעבר-לים
מיט אלע שיפ'ס ליניעס
FRANCOPOL WARSZAWA Mazowiecka 9
tel. 570 - 30

# צי וועט דער ספארט-פערבאנד דערויף רעאגירען?

אויף א צווייט ארט שרייבען מיר וועגען דעם איבערפאל אויף די ברידער אפאטאווסקי. אין צוזאמענהאנג דערמיט גיעט מען אונז איבער פון די יודישע ספארט-קרייזען, אז דער אנפאל איז געשעהן בשעת א טרענינג-מעטש צווישען מארגענשטערען-גוויאזדא אויפן בשותפות'דיגען באיסקא פון נאפשוד-ר. ק. ס. א באנדע כוליגאנעס בעוואפענט מיט שטעקענס און אייזערנע הענטשקעס זענען אנגעלאפען אויף די רואיגע שפילער פון „מארגענשטערען" און זיי מערדערלעך צעשלאגען. ס'האט זיך אנגעהויבען פון אבגיסען מיט קאלעך. די אנפאלער זענען: בעדנארסקי, סערגיוש און טשערווינסקי, מיטגלידער פון ר. ק. ס.

פון דעם איבערפאל האבען געליטען די שפילער פון „מארגענשטערן", די ברידער אפאטאווסקי.

מאנטאג, שביעי של פסח, איז פארגעקומען א פריינדשאפט-מעטש צווישען דער ווארשאווער „פאלאניא" מיט ר.ק.ס. די יודישע ספארטלער האבען דעם מעטש שוין נישט בעזוכט, מיטן אויסנאם פון דעם שניידער-מייסטער קרול (זשעראמסקי 21) וועלכער איז געגאנגען אויפן מעטש, טראץ דעם, וואס ער האט געוויסט, אז מיט צוויי טעג פריהער האבען ר. ק. ס.-שפיעלער רוצחיש צעשלאגען די ברידער אפאטאווסקי.

די יודישע ספארטלער ערווארטען פון ספארט - פערבאנד די געהעריגע סאנקציעס, וועלכע ער וועט אננעמען געגען יענע מיטגלידער זיינע.

גער.

Z intencji zaręczyn
koleżanki naszej
p. *Poli Szmedrówny*
z p. *Jakóbem Pitkiewiczem*
wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia
życzy
Personel
firmy Borensztein

די הערצליכסטע גליק ווינשען
די פר"ל פערל שמעדרא
צו איהר פערלאבונג מיט
ה' יעקב פיטקיעוויטש
ראובן און מאניע בארענשטיין.

# יודישע גמינע דעקלארירט 700 זלאטעס

די יודישע גמינע האט דעקלארירט אויף דער מלוכה-הלוואה 700 זלאטעס.

## פון קליינהענדלער-פערבאנד
### קאמוניקאט

די פערוואלטונג פון קליינהענדלער-פערבאנד אין ראדאם האט אויף די לעצטע זיצונג זיינע אנגענומען א באשלוס צו פראקלאמירען און פראפאגירען דורך די פרעסע און דורך א ספעציעלן אויפרוף דאס סובסקריבירען די הלוואה פאר לופט-פארטיידיגונג.

עס איז געגרינדעט געווארען א קאמיטעט, וועלכע וועט דארפען באזוכען און אויפפאדערען די ראדאמער סוחרים אנטייל צונעמען אין דער סובסקריפציע. אין קאמיטעט געהען אריין די גאנצע פערוואלטונג, רעוויזיאנ'ס-קאמיסיע און מיטגלידער: פרידענטאל, אסטראוויעצקי, פאטאזשניק, לעדערהענדלער, ראזענצווייג, דאנציגער, פרידמאן, שרייבער ישכר, בירענבוים מאטעק, קליינמאן משה, קאצמאן מ., ווייספוס ד. ווייספעלד נ., שעלצער יעקב, וואודקא משה, בערקמאן ישראל, ניימאן שמחה, מרגליות משה, זילבערבערג חיים וואלף, גליקסמאן דוד, ווערבער, בורשטין, ראזענשטיין ישראל, גוטשטאדט, קיילער יהושע.

די פערוואלטונג.

# איין דאזאר האט רעזיגנירט

דער ציוניסטישער דאזאר ה' שמואל צוקער האט רעזיגנירט פון זיין מאנדאט אונטער'ן דרוק פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכע וויל נישט האבען איהר'ס א פארשטעהער אין א נאמינירטען גמינע-פראוויזאריום.

# מיט א דישעל פערפאהרען אין קאפ אריין

ביים אריבערגעהן די זשעראמסקי גאס, נעבען דער אפטייק פון לאגאדזשינסקי, איז אויף ר' אברהם יעקב ניידיק אנגעפאהרען א פיהר און מיט'ן דישעל איהם דערלאנגט א שטארקען זעץ אין קאפ, אז ער איז אוועקגעפאלען א בעוואוסטלאזער אויף דער ערד. מ'האט צו ר' אברהם יעקבן ארויסגערופען דעם ד"ר קעלערווארם.

# מעלדונג וועגעז רופען רעזערוויסטען
## צו די מיליטערישע איבונגען

אויף די מויערען פון ראדאם האט מען צעקלעבט מעלדונגען וועגען רופען צו מיליטער-דינסט רעזערוויסטען אויפן יאהר 1939-1940.

אין דער דאזיגער צייט וועלען גערופען ווערען אונטעראפיצירען און זעלנער מיט דער הילף פון די „קארטי פאוואלאניא". חוץ דעם וועלען גערופען ווערן אויף איבונגען אלע רעזערוויסטען וועלכע האבען פערגאנגענעם יאהר נאך נישט אבגעדיענט.

# ראדאם איז נישט ווין

אין יום-טוב-נומער פון „ראדאמער-קעלצער לעבען" האט דער ה' ארנאלד ראזענפעלד אויפמערקזאם געמאכט אויף אנ„עוולה", וואס געשיהט אין ראדאם. דאס מאהל בעציט זיך די „עוולה" אין בעצוג צו יענע יודישע דאקטוירים, וואס נעמען קליינע פרייזען פאר זייערע וויזיטען און פערקאנקורירען מסילא די יונגע דאקטוירים, וועלכע קענען זיך אזוי-ארום נישט דערשלאגען צו א געוויסע פראקטיק אויפן געביעט פון זייער פאך. ה' ראזענפעלד פאדערט דעריבער, אז די גוטע, די בעסטע דאקטוירים זאלען אויפהויבען די פרייז, כדי צו מאכען א וועג פאר די יונגערע קאלעגען זייערע.

איך מיין, אז ווען דאס אליין וואלט געווען די איינציגע „עוולה" אין ראדאם, וואלט אונזער שטאדט נאך נישט געווען פון די ערגסטע. גראד פערקערט, אין דער הינזיכט איז ראדאם אנ'אויסנאהם צום גוטען, מ'קאן דא געהן צום בעסטען יודישען דאקטאר און ס'זאל נישט קאסטען טייער, ה' ראזענפעלד קען אבער אויף דעם נישט בעשטעהן און ער פערלאנגט דווקא א הויכע טאקסע, כדאי צום גוטען דאקטאר זאל נאר קענען אנקומען יענער, וואס האט געלד און קען זיך פערגינען. דער מיטעלמעסיגער, דער אונפערמעגליכער מענש געהט איהם נישט אן. איהם הייסט ער געהן צום קלענערען דאקטאר, צום יונגערען. דער ארימער, צי דער אונפערמעגליכער קראנקער האט נישט קיין רעכט לויט ה' ראזענפעלד צו געניסען פאר זיינע צוויי, דריי גילדן, פון א גוטען דאקטאר, פון א דאקטאר צו וועלכען ער האט צוטרוי.

איך פערשטעה נישט אזא לאגיק.

דער ווינער פראפעסאר האיעק מיט זיינע אסיסטענטען אויף וועלכע ה' ראזענפעלד פעררופט זיך, קענען דא נישט גילטן אלס ביישפיעל. ראדאם איז נישט ווין. וואלט פראפעסער האיעק געזעסען אין ראדאם. וואלט ער נישט גענומען קיין 2000 שילינג פאר א וויזיט. מ'דארף נישט געהן אזש קיין ווין. אויך אין ווארשא נעמען די גרויסע דאקטוירים און פראפעסארען גאנץ היבשע פרייזען. אויך ראדאמער פאהרען אהין. פערשטעהט זיך, אז נישט דער ארימער קלאס. דער ארימער חולה פאהרט דאן ווען דער חלף ליגט איהם אויפ'ן האלז ווען ער מוז, ווען ער האט שוין נישט קיין עצה. דעמאלט פערקויפט ער ס'לעצטע — אויב ער פערמאגט עפעס — און לויפט זיך ראטעווען.

די לאגע פון די יונגערע דאקטוירים איז ווירקליך נישט קיין פייגעלדיגע. גאנץ געוויס, אז זיי ברויכען אויך פערדינען אבער דא זענען פערהאנען צוויי אויסוועגען: איינארדנען א לעטשניטשע וואו ס'זאלען מיטארבייטען עטליכע יונגע דאקטוירים צוזאמען מיט ספעציאליסטען, וואס זאל זיין צוטריטליך פאר די ברייטע שיכטען. ס'וואלט געווען א פרעקוויענץ און אפילו ביי ביליגע וויזיטען, וואלטען די יונגע דאקטוירים גוט פערדינט.

אבער ס'איז דא נאך אנ'אויסוועג, אז די יונגע דאקטוירים זאלען ארבייטען אלס אסיסטענטען ביי די עלטערע, וואס האבען שוין אויסגערופענע מארקעס. ס'וואלט ביידע גוט געווען. דער עלטערער דאקטאר וואלט נישט היזק געהאט און דער יונגערער וואלט פערדינט.

א לעזער

# אלגעמיינע פערזאמלונג פון קימפעטארען-פעראיין

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון קימפעטארען-פעראיין, וועלכע איז פארגעקומען דאנערשטאג דעם ערשטען טאג חול המועד פסח, איז ווידער אויסגעוועהלט געווארען דער זעלבער קאמיטעט, ווען ס'איז אויסגעדריקט געווארען צוטרוי פאר זיין איבערגעגעבענע ארבייט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג, וועלכע איז בעזוכט געווארען פון א גרעסערע צאהל מיטגלידערינ'ס, האט אנגענומען א בעשלוס צו קויפען א שטיקעל פלאץ אויסצובויען א בנין פאר א קימפעטארען-אנשטאלט.

לויט'ן אנגעגעבענעם בעריכט, איז אין משך פון יאהר ערטיילט געווארען געלד-שטיצעס און וועש אויף א סומע פון 3200 זל.

# א רחמנות אויפ'ן מאגען!...

א יוד בעקלאגט זיך:

— אוי, וואס דער מאגען ליידט נעבעך די לעצטע פאר וואכען, וואס פארא „ניעספאדזשאנקעס" ער האט די לעצטע צייט. זייט דער מאגען איז מאגען האט ער נישט נע'וואוסט פון אזא טעם.

געוואוינט איז ער געווען צו פליישיג'ס צום מיטאג קאטלעטען, בעפשטיק, קארמענאדע, צום וואכנד-ברויט גענזענע לעבערלעך, קלאפסעלעך, צי גאר ווארשטלעך, פלוצים — סטאפ! אויס פלייש! און נישט אויף איין טאג, נאר גאנצע 16 טעג 16 טעג פיש, סאלאטקעס, געריבענע מייערן, געמאלטע בוראקעס. און האט מען דעם מאגען געוואלט גענארען האט מען איהם דערלאנגט קאטלעטען פון... גראז.

האט ער זיך שוין געהאט צוגעוואוינט צו די כל'ערליי קרייטעכצער, צו יארסקע מאכלים, הייסט עס. האב איך איהם פלוצים ווידער גענומען פאשען מיט פלייש, מיט אמת'ע קאטלעטען, אמת'ע בעפשטיק'ס גענזענע לעבערלעך, ווארשטלעך וד"ל.

מיט אמאהל ווידער א „ניעספאדזשאנקע" — וואס איז שוין ווידער? נישטא קיין ברויט. אויס ברויט אויס זעמעל, אויס טשאסטעס — מצות!..

האט ער, דער מאגען, ווידער געהאט אכט ברויטלאזע טעג. ווידער נייע שפייזען, נייע פאטראוועס, זובעלעך, מצה-ברייען, כרעמזלעך. נישט ווי, נישט ווען, האט ער געכאפט א שטאך פון א שפיציג שטיקעל מאשין-מצה, אז די אויגען זענען איהם איבערגעגאנגען... דאך האט ער געשוויגען. ער האט געקוקט און „געדריקט". א ברירה האט ער נעבעך געהאט, אז ער האט קיין דעה נישט איבער זיך, אז ער מוז נעמען וואס מען גיט איהם...

און טאמער האט ער זיך ווי סס איז שוין געהאט צוגעוואוינט צו די פסח'דיגע מצה-מאכלים, האט ער ווידער געהאט א נייע „איבערראשונג" — ווידער ברויט, ווידער זעמעל, ווידער די אלטע מאכלים, און ער מאכט ווידער א שוויג.

הכלל. איך האב נאך גרויס מזל, וואס מיין מאגען איז א „שמח בחלקו", ער איז צופרידען מיט דעם וואס מען גיט איהם. וואלט ער חלילה געווען א צעפלאשעטער מאגען, א צעפיעשטשעטער, אן אויפגעדעגטער, וואלט ער מיר פאר אזעלכע „קונצען" אויפגעשפילט אז די אויגען וואלטען מיר איבערגעגאנגען!

יא, איך האב געטראפען מיט מיין מאגען. הלוואי אויף אלע אנדערע יודישע מאגענ'ס געזאגט געווארען!...

**אב-נעק**

Cukiernia Turecka
wł. K. AŁTASZ
Radom, Żeromskiego 9
Oddziały:
Traugutta 3 i Słowackiego 16
poleca:
smaczne pieczywo, wyśmienite ciastka
i specjały tureckie po cenach niskich
Przyjdź i przekonaj się!!!

פון היגיענישע מאטראצען און אויטאמאטישע טאפטשאנעס אין דער פירמע
„היגיענא" וואהאל 5 (Bernardynska) ראדאם
עס ווערן אויך אנגענומען צו דער ארבייט אייזערנע בעטלעך, וואו מ'קאן אריינפאסען אונזערע שאטקעס
אויף זעהר ביליגע פרייזען!
מיר בעהטען אלע קליענטען פון רינעק 6 ווענדען זיך אויף דעם נייעם אדרעס.

פרייטאג, דעם 14 און שבת דעם 15
וועט איז קינא „טשארי" געוויזען ווערען אין סעאנס $3^{15}$
פון יודישען פילם אין דער יודישער שפראך
א. ב.
„מאמע"
אין די הויפט-ראל
מאלי פיקאן

## מאַרשאַל שמיגלי רידז אַלס וועהלער צום ראַדאָמער שטאָדט - ראַט.

דער מאַרשאַל שמיגלי רידז, אַלס עהרען-בירגער פון דער שטאָדט ראַדאָם. פיגורירט אויף דער וועהלער-ליסטע פון 1 וואַהל-קרייז.

## 2.480 זל. פון די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין באַלטימאָרע.

דער ה׳ קוראַוואָער האָט ערהאַלטען פון באַלטימאָרע 2480 זל. פאַר דריי אינסטיטוציעס: בית-יתומים און מושב-זקנים, פאַרן יודישען שפּיטאַל און חינוך-ילדים.

פאַרן בית-יתומים און מושב-זקנים איז בעשטימט 1400 זל; פאַרן שפּיטאַל 700 זל. און פאַרן חינוך-ילדים 380 זל.

דאָס געלט איז נעזאַמעלט געוואָרען צווישען די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין באַלטימאָרע און געשיקט געוואָרען פון ה׳ לייבטשע גראָספעלד.

וועגען דעם איז בעזונדערס מיטגעטיילט געוואָרען דעם ה׳ מרדכי לענגער, צו וועמען דער ה׳ לייבטשע גראָספעלד האָט געשריבען אַ ספּעציעלען בריעף וועגען דעם ענין. אין זעלבען בריעף איז ה׳ גראָספעלד מודיע, אַז באַלטימאָרע וועט קירצליך שיקען נאָך הונדערט דאָלאַר פאַרן בית-יתומים און מושב-זקנים.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, איז אין בית-יתומים פאָרגעקומען אַ זיצונג, אויף וועלכער ה׳ קוראַוואָער האָט פאָרגעלעגט, אַז פאַר די 1400 זל. זאָל מען איינאָרדנען אַ מילך-ווירטשאַפט פאַר׳ן בית-יתומים און מושב-זקנים וואָס ווערט שוין פון לאַנג פּראָיעקטירט פון ה׳ לענגער. עס זאָל אויף דעם צוועק אויפגעבויט ווערען אַ שטאַל און איינגעקויפט ווערען צוויי קיה.

ה׳ קוראַוואָער האָט דערביי אויסגערעכענט, אַז דעם בית-יתומים און מושב-זקנים קאָסט בלויז מילך 300 זל. אַ מאָנאַט, אַ חיבשע סומע, וועלכע וואָלט געקאָנט בעדייטענד איינגעשפּאָרט ווערען, ווען ס׳ווערט פאַרלעגט אַן אייגענע מילך-ווירטשאַפט. דאָס וואָלט געהייסען געשאַפען אַ פּאָזיטיווע זאַך, וואָס מ׳וואָלט געקענט שטענדיג דעמאָנסטרירען און ווייזען די ראַדאָמער לאַנדסלייט, זיי זאָלען האָבען אַ לעבעדיג בילד, וואָס פאַר זייערע געלדער ווערט אויפגעטהון.

דער ה׳ מענדעל הורוויטש און דאָקטאָראָווא קאַדישעוויטש האָבען ערקלערט, אַז אין פּרינציפּ זענען זיי מסכים, אָבער פאַר אַזאַ סומע וועט עס זיך נישט לאָזען מאַכען. דער ה׳ לענגער האָט ברייט אַרומגערעדט זיין פּראָיעקט, אויפווייזענדיק, אַז די מילך-ווירטשאַפט האָט שוין לאַנג געקענט זיין אַ געשעהענער פאַקט, ווען מ׳נעמט זיך דערצו מיט מעהר ענערגיע. ער איז מודה, אַז די 1400 זל. איז אַביסל ווייניג אויף צו רעאַליזירען אַזאַ אונטערנעמונג, אָבער ס׳וועט זיין מעהר און די איצטיגע סומע דאַרף בעשטימט ווערען אַלס דער ערשטער גרונד-קאַפּיטאַל אויף דעם צוועק. ער אַלס פאַרוואַלטער פון בית-יתומים און מושב-זקנים ווייס ווי געהעריג אָבצושאַצען די גרויסע וויכטיגקייט און נוצליכקייט פון אַזאַ מילך-ווירטשאַפט, וועלכע קען איינשפּאָרען אַ סך אויסגאַבען פאַר די צוויי אינסטיטוציעס. ה׳ לענגער דערמאָנט, אַז אויך די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין ניו-יאָרק איז גוט בעקאַנט זיין פּלאַן וועלכער ווערט דורך זיי אונטערגעשטיצט. נאָך דער ה׳ משה ראַדאָמסקי, זייענדיג פאַראַיאָהרען אין ראַדאָם, האָט אויף דעם צוועק געגעבען הונדערט דאָלאַר, אָבער זיי זענען פאַרנוצט געוואָרען אויף אַנדערע זאַכען.

צום סוף פון דער לענגערער דעבאַטע איז בעשלאָסען געוואָרען די פראַגע צו שטעלען אויפ׳ן פּלענום פון דער פאַרוואַלטונג פון בית-יתומים און מושב-זקנים, צו וועלכער ס׳זאָל אויך פאַרבעטען ווערען דער ה׳ קוראַוואָער.

KINO
APOLLO

**בּיז זונטאָג דעם 16 ה. מ.**
**פּעררראַפּעלטער פּראָגראַם**
אַלס ערשטער פילם
CHWILA POKUSY
אין די הויפּט - ראָל
זשאַן גראָפאָרד, מאַרגאַרעט סוליוואַן
אַלס צווייטער פילם
ORŁY MORSKIE
אין די הויפּט-ראָלען:
אַליוואַ דע האַווילאַנד און דזשאָרש ברענט
Film dozwolony od lat 16-tu

גרויסער פּריהמאַרגען פּראָגראַם
אַ שפּאַנענדער פילם
Bitwa nad Marną
אין די הויפּט-ראָל
**ראַימו און אַלבערט באַססערמאַן**
Od Poniedziałku
גרעסטער פילם פון היינטיגען סעזאָן
א. נ.
Wielki walc

KINO
APOLLO

## וואו און ווי אַזוי

צו געבען צו וואַשען, פאַרבען, רייניגען פוטערס, לעדער, שיך און וועש?

**מאָדערנע מעכאַניזירטע אַנשטאַלטען**
**פון דער כעמישע פאַרבעריי און פּראַלניע**
**פון פוטערים, לעדער׳ס, שיך - וואַרג**
**און וועש**

# A. HEMPEL

**אין ראַדאָם** **טעל. 19-70**

צענטראַלע אויף דער אַלטער שטאָדט 7
פיליע נומער I זשעראָמסקי נום. 1
״ ״ II ״ ״ 21
״ ״ III ״ ״ 59
״ IV טראַוגוטטאַ ״ 11
פיליע נום. V סקאַרזשיסק סטאַשיצא נום. 10

לייטער פון דער טעכנישער אָבטיילונג

*ALFRED HEMPEL*

**פיהרט אויס פּאַכמענניש און סאָליד**

דויערענדע פאַרבען פון דאַמען און מענער - גאַרדעראָבע, וואָל, ביינוואָל, פוטערס, לעדער, לעדערנע גאַרדעראָבעס לאַטשען, פעדערען, זאָקען, לייווענט, פילס א. ד. גל.

**די איינציגע אין קעלצער וואָיעוו. פירמע,** וואָס פירט אויס כעמיש-טריקען דאָס רייניגען פון דאַמען און מענער - גאַרדעראָב, פוטער, דיוואַנעס ווי אויך דאָס אויפפרישן פון מאַנטלען און פּאַלטענס

**ספּעציעלע וועש - אָבטיילונג:**

צו וואַשן העמדער, קעלנער, מאַנזשעטען, פויערהאַנגען א.. ד. גל. ווערט אויסגעפיהרט אָהן צומישונג פון פלאָרק, און אָהן צומישונגען, וועלכע זענען שעדליך פאַר דער וועש, מיט אַ שענעם זילבערנעם גלאַנץ.

**פערזיכערט די ג. קליענטעלע אַז:**

1) עס ווערט אויסגעהיטען פאַר שאָדען, פערפיהרונג
2) עס דעפאָרמירט נישט דעם שניט פון אנצוג
3) פערהיט פון פערלירען די נאַטירליכע פאַרבען
4) פערהיט פון איינלויפען מאַטעריאַל
5) פערהיט פון פערלירען דעם גלאַנץ און די עלאַסטישקייט
6) עס ווערט דערהאַלטען דער פאַסאָן
7) פרישט - אויף די קאָלירען.
8) דערהאַלט די אַפּעראַטור
9) פערהיט די פעדים און די געוועבען פון מאַטעריאַל
10) שטעלט צופרידען די פערלאַנגען פון היגיענע און גוטען געשמאַק.

די נייע טעכניק און די 20 יעהריגע רוטין, פאַכקענטניס פון דער לייטונג בעפולמעכטיגט די פירמע צו פערזיכערען די ג. קליענטעל, אַז די איר אָנפערטרויטע רעקאָמאַנדירונגען, ווערען אויסגעפיהרט סאָליד, פאַכמעניש און צו דער צייט, צו דער בעסטער צופרידענהייט פון דער קליענטעלע.

דער ברייטער פאַך-פערנעם, ווי אויך די ראַציאָנעלע רעאָרגאַניזאַציע גיבען די מעגליכקייט פון ביליגען, שנעלען און סקרופּועלע אויספיהרונג פון די עמפּפעהלונגען פון די קליענטעל.

מיר בעטען העפליך צו שענקען
פולשטענדיגען צוטרוי אונזער פירמע
מיט אכטונג:
**Nowoczesne Zmechanizowane Zakłady**
**Farbiarnia i pralnia chemiczna**
**prania bielizny**
**A. HEMPEL**

**Lustra**
**Szkła szifowane**
**nietłukące**
poleca **„Szyboszlif“** sp. z. o. o.
**Radom, Żeromskiego № 20**
**Tel. 23 - 20**

מיינע **מצות** דאַרפען שוין נישט קיין רעקלאַמע.
זיי זענען די זעלבע ווי פאַר יאָהרען
מען קאָן ביי מיר בעקומען מאַשינען מצות און אויך אויף דעם פערלאַנג קען מען בעקומען האַנד-אויסאַרבייטונג-מצות.
אין יעדן מיינעם געשעפט בעקומט מען די גוט בעקאַנטע מאַקאַראָנען און לעקעכער

# אהרן קאַלינסקי

**ראַדאָם, נאַוואָגראָדסקאַ 8**

אָבטיילונגען: זשעראָמסקיעגאָ (לובלינער) 11, טראַוגוטטאַ 45
און קילינסקיעגאָ 1

**גאַלוואַניזיר-אַנשטאַלט און מעכאַנישע שלאַפעריי**
**נעמט אָן צו שליפען פאָלגענדע מכשירים:**

1) פריזירער-מכשירים: בזשיטוועס, שערלעך און האָר - מאַשינקעס.
2) מעסערס, שערן, מאַשין-מעסערס און חלפים.
3) אַלערליי דענטיסטישע און כירורגישע מכשירים.

**צו ניקלען טיילען פון:**
ראָווערען, אויטאָבוסען און דאָקטאָרסקע מכשירים.

**צו זילבערן:**
לעפל, גאָפּל, מעסער, לייכטערס א. ד. גל.

**צו פּאָלירן:**
פאַרשידענע מעטאַלן אויף הויכגלאַנץ.
סאָלידע בעהאַנדלונג!
גאַראַנטיע אויף הונדערט פּראָצענט

**י. שטשערבאַצקי זשעראָמסקיעגאַ 21**

*Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. t.*
**„Americanka“** L. Wajsbrot
Rynek 16

## בעקאַנטמאַכונג

איך מאַך בעקאַנט מיין ג. קליענטעליע, אַז אין מיינע פיליעס, וואָס געפינען זיך אין **רינעק 14** און **טראַאוגוטטאַ 62,** קען מען בעקומען מאַקאַראָנען, טאָרטען, בישקאָפּען, לעקעך, באַקאַליעס, און אַלע מינים געבעקצען און זיסוואַרג פון בעסטען קוואַליטעט.

ס׳איז אויך צו בעקומען שאָקאָלאַד, פרוכטען ווי אויך וויינען פון די בעסטע סאָרטען און אויף צוגענגליכע פּרייזען.

מיט אכטונג
**ל. וויסבראָט.**

**Kino ADRIA**
Do niedzieli dnia 16 kwietnia rb.
»Załoga Nieustraszonych»
w rol. gł. **Richard Greene, Nancy Kelly, Slim Sumerwille**

Następny program
FILM POLSKI
„BIAŁY MURZYN“

**Kino ADRIA**
שבת. און זונטאָג
**פּריהמאַרגען - פילמען**
»Romanse
Cyganskie»
w rol. gł. **Brigida Helm**
**Józef Schildkraut**
Film dozwolony od lat 18

ŻĄDAJCIE
TYLKO
„RIKSZA“
GUM..?
JEDWABNE

TARYFA OGŁ:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

1-szai ostatnia strona
liczą 10 szpalt

אָבאָנאָמענטס פּרייז:
פּאַר אַ חודש אין פּוילצן זלאָט
אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

Redaktor CH. M. HERC
tel. 15 - 18 .טעל
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben“ Szwarlikowska 20